## דיינע אויגן

האָט ער איר געזאָגט:
דיינע אויגן זענען פּערל.
פּערל ליגן דאָך אין ים
און די כוואַליעס רוען נישט —
ווי קען איך זיכער זיין מיט דיר?

און זי האָט אים געענטפֿערט:
ווו די וואַסערן שוימען ווילדער
גלוסט פֿאַרמעסטן זיך דעם שווימער;
אויב דו ביסט אַזוי - טאָ קום!

האָט ער איר געזאָגט:
דיינע אויגן זענען קינדער;
שוואַרצע לאַכנדיקע קינדער;
דעם גאַנצן טאָג לויפֿן זיי
פֿון גאַס צו גאַס, און פֿון די גאַסן
אויף דיביימער - און פֿון די ביימער
טאַנצן זיי דער זון אַנטקעגן
און שפּעט ביי נאַכט וויינען זיי:
דאָס טעלערל פֿון דער לבנה! —
ווי קען איך זיכער זיין מיט דיר?

און זי האָט אים געענטפֿערט:
ווער עס איז אַ גוטער טאַטע,
לאַכט ווען די קינדער לאַכן,
ווען זיי וויינען — וויינט ער מיט;
אויב דו ביסט אַזוי - טאָ קום!

האָט ער איר געזאָגט:
דיינע אויגן זענען לוחות,
שוואַרצער פֿייער אויף ווייסן פֿייער;
אפֿשר וועט אונדז אויסקומען
אין דעם מידבר לאַנג צו גיין
און עס וועלן זינד זיך טרעפֿן
און זיי וועלן צעבראָכן ווערן, -
ווי קען איך זיכער זיין מיט דיר?

און זי האָט אים געענטפֿערט:
ווען עס בריִען זיך די הענט אָפּ
מיט די פֿייערדיקע שטיינער
און לאָזן זיי אַראָפּ אויף דר׳ערד,
וואַקסן פֿון רחמונות אויס אַ משה
צווישן הימלען און די בערג
און שרייט אַרויף: זײַ זיי מוחל!
און ברענגט צו טראָגן נייע לוחות;
אויב דו ביסט אַזוי - טאָ קום!

--------------------------------------------------------------

אין „ די גאָלדענע קייט״ נ. 33 פון 1959יאָר געפינט מען דאָס ליד אָן קיין דאַטע, צוזאַמען מיט דעם ליד „ יאָרן״ (1919) . דאָרט שטייט געשריבן :

**צום אָנדענק פֿון אימגעקומענע שרייבער אין די געטאָס - צוויי לידער** :די צוויי אומבאַקאַנטע לידער פֿונעם קדוש ישׂראל שטערן, האָבן מיר באַקומען פֿון הערץ גראָסבאַרד. די צתב-אידן פֿוןביידע לידער האָט שטערן איבערגעגעבן גראָסבאַרדן אַרום אָנהויב די דרייסיקער יאָרן.

---------------------------------------------------------------------------